№ 47 ניינטער יאָרגאַנג פּרייז 50 גר. 18 נאָוועמבער 1932 13listopada 1932

ליטעראַרישע בלעטער
אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור טעאַטער און קונסט
פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

# צוריקבליקן און אויסבליקן

## (אַ שמועס מיט פּראָפ. פישל שניאורסאָן)

— ...אַט זענען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר. איז עס נישט מאָדנע — מען קומט זיך אַזוי צו־נויף, מען פאָרט זיך פאַנאַנדער, גאַנצע וועלטטיילן טיילן אָפּ, און אַט ווידער צוזאַמען. און וויפיל מאָל חזרט זיך עס איבער זינט אונזער ערשטער באַפריינדשאַפט נאָך אַלס יונגע בחורימלעך אין קיעוו? און אַט אַזוי יאָר־איין יאָר־אויס גייט זיך יעדער איינער מיט זיינע טרוימען, מיט זיינע באַשטרעבונגען. אַט דוכט זיך, אַז מען צעגייט זיך גאָר אין פאַרשידענע זייטן, און ווידעראַמאָל אַ באַ־געגעניש — און יעדער איינער פון אונז מיט אַ נייער אָנלאָדונג, מיט אַ נייעם אָנוווקס. אַט קוק איך איצט אויף דיר, פישל, און עס נייען אַדורך שנעל די הויפּט־עטאַפּן דיינע: חסידישער עילוי, עקסטערן; „מאַך און אווע־נאַריום״־פּעריאָד; סטודענט אויפן בערלינער מעדיצינישן פאַקולטעט; אַסיסטענט ביים באַ־רימטן פּעטראָגראַדער פּסיכיאַטאָר פּראָפ. בעכ־טערעוו; דערנאָך — קיעוו בעת דער רעוואָ־לוציע מיטן העברעישן זשורנאַל „קדימה״ פאַר רעליגיעזער פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע (צוזאַמען מיט פּראָפ. דוד קאָיגען, און חיים גרינבערג), ווען מיר האָבן געשאַפן אין קיעוו יידישע קולטור־געשיכטע; און אַט דיין „פּסי־כאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן״; „קאַ־טאַסטראָפאַלע צייט און די וואַקסנדיקע דורות״; אַן „אָפּנויג״ — „חיים גראַוויצער״ און „קאַראַהאָד אָדער די פאַרבלאָנדזשעניש פון אברהם איצע קירזשנער״; און אַט ביסטו שוין ביי דער „מענטש־וויסנשאַפט״, „דער וועג צום מענטש״ און ווידעראַמאָל אַן „אָפּ־נויג״ — „די יידישע נקמה״. — און טרעפנ־דיק זיך איצט מיט דיר נאָך אַ הפסקה פון פינף יאָר, ווילט זיך מאַכן פאַר זיך גופא אַ שטיקל חשבון הנפש פון אוועקגעגאַנגענע יאָרן, וואַרפן אַ צוריקבליק און ממילא וועט עס זיין פאַר אונז ביידן אַ אויסבליק אין וויטערן גיין און טון. איז עס נישט טשעקאַווע טאַקע ביי אַזאַ צונויפטרעפן זיך קלאָר מאַכן, וואָס איז געווען אין אונזער זיגזאַגן־וועג אייגנס, דורכויס אייגנס, און וואָס עס געהער צום כלל...

— ע, נחמן, ווילסט גאָר אויף איין פוס אַלץ אויפנעמען און באַטראַכטן... אוודאי, געוויס איז יעדער איינער פון אונז ענג צוזאַ־מענגעבונדן מיטן אַלגעמיינעם. אַ געוויקס איז אַלעמאָל אַ פּראָדוקט פון באָדן, פון דער אַטמאָספערע, אין וועלכער ער וואַקסט. פונדעסט־וועגן האָט ער זיך זיין אייגענעם אויפבוי, וואָס קאָן און מוז באַ־טראַכט ווערן פאַר זיך...

— אָבער איצט, נאָך אַ שטיק מהלך פון יאָרן, פון תקופות, אינטערעסירט מיך אין אונז אָט וואָס — צי זענען מיר געווען בלויז שפּענדלעך אויף די גרויסע כוואַליעס פון ברויזנדיקן לעבן, אָדער פאַרקערט — מיר האָבן געקערעוועט אויך די שיף לויט אַ ריכ־טונג, וואָס אונז האָט זיך דאָ און דאָרט גע־וואָלט.



— אייגנטלעך פאַרגעסט מען ביי אָט די פאַרגלייכן, אַז דער מענטש גופא איז נישט נאָר אַ שפּענדל, נאָר אַליין אויך אַ טייל פון דער כוואַליע, מיט וועלכער ער ווערט גע־טראָגן. וואָס שייך מיך — ווערט מיר אַלץ מער קלאָרער מיין אינערלעך שטרעבן. וואָס איך זוך מיין גאַנץ לעבן עפּעס אַראָפּצו־רינגען פונם צייט־שטראָם. דאָס מיינט אין קלאָרע ווערטער — איך בין זייער פרי אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער „היסטאָ־רישער״ נייטיקייט פון דער אויפשטייגנדיקער און זיך צעבליענדיקער וועלטלעכער קולטור. שוין זייער פרי בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער שאַפונגס־סטיכיע און פאַרשטאַנען די גרויסע שאַפונגס־באַדייטונג פון מאָדער־נער קונסט און וויסנשאַפט אינם אַלגעמיי־נעם און אינם יידישן לעבן. און שוין לאַנג ווי איך האָב איינגעזען די גרויסע באַגרע־נעצונגען און קרבנות אַפילו, וואָס עס האָט אויסצושטיין דאָס רעליגיעז - אינטימע אינם נשמה־לעבן צוליב דעם. און דאָ קומט מיין אינעווייניקסטע שטרעבונג צו זוכן און צו געפונען אַ פּלאַץ אין דער וועלטלעכער קולטור גופא, אין דעם טיפן באָדן פון קונסט און וויסנשאַפט, אויסצוקעמפן דעם פּלאַץ פאַר דעם אינטימען, פאַר דעם סאַמע־אינטימען נשמה־לעבן.

— איך דערמאָן מיך, פישל, פאַרשידענע מאָמענטן פון אונזער יוגנט. מיר קומען דאָך פון פאַרשידענע סביבות, און דאָך האַלסטו

נישט, אַז מיר זענען ווי געשיקט געוואָרן פון עמעצן אין דער ייִדישער וועלט צו דערפילן עפּעס שליחותן. און זע — מיר, די פאַרשיידענע — טרעפן זיך דאָך אָפּט ביי איין און דעמזעלבן פונקט, אויף איין באָדן, — ביי דער ייִדישער ליטעראַטור, שפּראַך און קולטור. דאַכט זיך דיר נישט, ווי אונזערע וועגן, הגם זיי גייען זיך אָפּט גאַר ווייט פאַנאַנדער, דאָך קרייצן זיי זיך אָפּט?...

— נו, יאָ! דו און בערנעלסאָן און די איבעריקע פון אונזער גרופּע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט דער דירעקטער שליחות צו העלפן דעם אויפבוי פון דער ייִדיש־וועלטלעכער ליטעראַטור, ליטעראַטור־קריטיק, טעאַטער, שול־וועזן און ייִדישער קולטור אויף פאַרשיידענע געביטן (ס'איז גענוג צו דערמאָנען אייער ראָלע אויך געזעלשאַפטלעך אינם אויפבוי פון דער אוקראַינער „קולטור־ליגע"!). און איר האָט טאַקע געאַרבעט און געשאַפן מיט דער גאַנצער נאַיווקייט און זיכערקייט פון אַ באַרופונג, וואָס זעט די אויפגעבויטע ווענט, אָבער נישט די מאוימדיקע לעכער, דורך וועלכע עס בלאָזן אויפרייסנדיקע ווינטן פון „אייביקע" פּראָבלעמען. פאַרכאַפּט פון דער אַרבעט, האָט איר אַפילו געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דער שווערער פּראָבלעמאַטיק און מעטאַפיזישער נויט פון מענטשלעכן נשמה־לעבן. איר האָט געקעמפט פאַר ייִדיש, פאַר שפּראַך און ליטעראַטור, און קיין צייט נישט געהאַט פאַר די „לעצטע" פראַגן פון דעם מענטש־לעבן.

— אָבער דאָך, פישל, קומסטו אַלעמאָל צו אונזער ערדישן קאַמף־פּלאַץ. אַז דו לאָזט זיך אַראָפּ פון דיינע הויכע פּראָבלעמאַטישע עולמות צו אונז, איז עס ביי דיר נישט קיין עליה, נאָר אַ ירידה?

— איך מוז דיר פאַריכטן דיין אויסדרוק: איך לאָז מיך נישט אַראָפּ, ווייל איך שטיי פון אָנהויב אָן מיט אייך־מיט אונז, אויף איין באָדן, מעגן ווי אין פלוג אויסזען אונזערע וועגן אַנדערע. און דווקא דורך אייער־אונזער אויפבוי זענען בולטער געוואָרן די דערמאָנטע לעכער אינם בנין. דו האָסט דאָך ליב, אַז מען רעדט קאָנקרעטער, וועל איך רעדן קאָנקרעטער: שוין ביי די ערשטע טריט פון דער ייִדישער שול־אַרבעט, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף די גרויסע רעטענישן פון דער קינדער־נשמה, וואָס האָט גלייך פאַרלאַנגט אַקטיווע איינשטעלונג אויף דאָס אינערלעכע פּסיכישע לעבן. גראָד אין די צייטן פון גרויסע סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס האָט מען זיך אין דער קינדערוועלט באַגעגנט פנים אל פנים מיט די שוין כלל נישט אַבסטראַקטע, נאָר טאַקע קאָנקרעטטראַגישע „אייביקע" פּראָבלעמען. — דאָס אָפּגעשטאַנענע אָדער נערוועזע קינד דערמאָנט אָן די אייביקע נשמה־ליידן, וואָס לויערן אַזוי אָדער אַנדערש אויף יעדן פון אונז אין די סאַמע טיפענישן פון אונזער עקזיסטענץ. צווישן די סאַמע האַרטע, פעסטע, ממשותדיקע ווענט פון דער וועלטלעכער קולטור האָבן מיר גראָד געפונען די געלעגנהייט און דעם צוואַנג צו פאַרוועבן אָט די דאָזיקע בלויזן, וואָס באַדראָען דעם גאַנצן מאָדערנעם קולטור־בנין.

— פאַרוואָס, פישל, מיינסטו אַלץ, אַז אין אונזער ייִדישן לעבן זענען אָט די נשמה־בלויזן די עיקרדיקע. פאַרוואָס זאָלסטו אַלץ שוועבן אין די הויכע וועלטן. קוק מיט ממשותדיקע אויגן אויף דער ייִדישערווירקלעכקייט, קוק זיך צו, ווי ביי היינטיקן טאָג קאָן לעבן און לעבט זיך אויס די ייִדישע מאַסע דאָ און דאָרט נאָר מיט ייִדיש, מיט ייִדיש שאַפן, און די קיבוצים, ישובים, וואָס איגנאָרירן ייִדיש, שענקען עס נישט די פולע אויפמערקזאַמקייט, קומען פאַר דער ייִדישער נאַציע אום. דאָס איטאַליענישע ייִדנטום, דאָס ענגלישע, עסטרייכישע, אונגאַרישע, — און וועט נישט זיין אַזוי אויך דער גורל פון דעם אַמעריקאַנער און אויך פוילישן ייִדנטום אַזוי, אויב מיר וועלן נישט אין אַזאַ סכנה־צייט ליינגן דעם גאַנצן געוויכט אויף דעם ייִדיש־אויסלעבן זיך מיט ייִדישער שפּראַך און ייִדישער קולטור? וואָס זענען די נשמה־בלויזן, וואָס דו זעסט, אין פאַרגלייך מיט די קאָנקרעטע בלויזן...

— אָט דאָס איז טאַקע דער אונטערשייד צווישן אונז נאָך פון סאַמע אָנהייב פון אונזער וועג, אייגנטלעך אויך דער וועג פון דער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור, וואָס שטעלט אין מיטלפּונקט די אַנטוויקלונג פון דער פיזישער קולטור, אָבער נישט פון דער פּסיכישער קולטור; קערפּער־קולטור, אָבער נישט נשמה־קולטור. פּלוצים אָבער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מען שטייט פאַר אַ נערוועזן יאָרהונדערט, אַ יאָרהונדערט, וואָס האָט באַזיגט דורך דער טעכניק אַלץ מער די נאַטור און פאַרלירט אַלץ מער די שליטה אויף דער אייגענער פּסיכיק. דער נערוועזער מענטש שטייט איצט אין מיטלפּונקט פון דער וועלט־קולטור, און פרויד איז געוואָרן נישט־ווייניקער אַקטועל, ווי מאַרקס, למשל, פאַר די ברייטע אינטעליגענטע שיכטן. און ווי אַלעמאָל פאַרשפּעטיקן מיר ייִדן אויך דאָ. דער קריזיס פונם אייראָפּעישן קולטור־באַוווסטזיין הויבט ערשט אָן קוים־קוים צו פילן זיך ביי אונז. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער צייט, וואָס דער פּסיכישער קריזיס האָט געפונען אָן אויסוועג אין דער פרוידיאַנישער סעקסועלער דאָגמאַטיק. און גראָד אין דעם באַשטייט די וויכטיקע אויפגאַבע פון אונזער מענטש־וויסנשאַפט — אַרויסצוגיין פון אָט דעם פּאַנסעקסואַליזם צו דעם אויפשוווּנג פון דער אומענדלעך־פילגעשטאַלטיקער פערזענלעכקייט. — אויב דו ווילסט זיך דאָ באַנוצן מיט דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן זשאַרגאָן, קאָנסטו זאָגן, אַז מיר ברענגען אַרויס דעם דיאַגנאָסי־קאָמפּלעקס, דעם פּאַטעטישן אויפברויז פון דעם מענטשלעכן לעבנס־דראַנג, די שעפערישע שפּיל און טרוים־ליידנשאַפט...

— ווידער דאַרף איך דיך אַראָפּציִען פון פילאָזאָפישע הויכן צום קאָנקרעטן לעבן. אונזערע קולטור־באַשטרעבונגען זענען איצט נישט קיין אַבסטראַקטע, „השכלה בת־שמים"; אונזער קולטור־קאַמף איז אַ סאָציאַלער, און וואָס האָט צו טון דיין מענטש־וויסנשאַפט מיט דעם ממשותדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן?

— געוויס האָט אונזער מענטש־וויסנשאַפט אַ ממשותדיקע באַציִונג מיטן אַרומיקן לעבן. פרויד און אַדלער שטאַמען פון אַסימילירטער ייִדישער בורזשואַזיע אין מערב־אייראָפּע און אין זייער אויסגעוואָרצלטקייט האָבן זיי נישט קיין נאַציאָנאַלן און נישט קיין סאָציאַלן אָנהאַלט און אינהאַלט. איז ממילא אַלץ ביי זיי געשטעלט אויפן פּרימיטיוון סעקס אָדער מאַכט־אינסטינקט, וואָס טויכן אויף יעדעס מאָל אין דער געשיכטע אין תקופות פון דעגענעראַציע (אַזוי איז געווען אין רוים אין דער ירידה־צייט, אַזוי אויך אין רוסלאַנד נאָך 1905!). — אָבער די מענטש־וויסנשאַפט און אירע קרובהשע שטרעבונגען קומען פון די נעדיכטע שיכטן פון רוסישן ייִדנטום, וואָס האָט אַזוי אינטענסיוו אַדורכגעלעבט סיי די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און סיי די סאָציאַל־עטישע ליידנשאַפטן. אַזוי־אַרום האָבן זיי געבראַכט צום וויסנשאַפטלעכן אויסדרוק פּאַטעטישע כחות פון דער פילזייטיקער מענטש־פערזענלעכקייט... און די שפּורן פון אָט דעם קאַמף זע איך אומעטום, אין דעם קאָנקרעטן לעבן פון אַרום.

— און ווי האָט זיך אָפּגערופן אויף דיר דיינע פינף יאָר זיין אין אַמעריקע? האָט עס באַפעסטיקט דיין אמונה אין אונזער ווייטערדיקן קולטור־קיום, האָט עס דיך דערמוטיקט פאַר ווייטערדיקע שאַפערישע אַרבעטן?

— דו האָסט אָנגערירט זייער אַ ווייטיקדיקן פּונקט און ברענענדיקע פראַגע, וואָס וועגן איר איז נאָך צו־פרי און צו־שווער צו רעדן. אין דער ייִדישער אַמעריקע שלאָגט זיך אַדורך אין שווערע טראַגישע ליידן אַ נייער קולטור־שטראָם, וואָס וועט מסתמא מיט דער צייט ווערן אַלץ־מעכטיקער. אָבער דערווייל בין איך מקנא אייך אַלע, וואָס לעבן צווישן אָן אָרגאַנישן און עכטן ייִדנטום, וווּ, פּראָסט גערעדט, טאַטעס געבן אָפּ זייערע קינדער אין ייִדישע שולן, וווּ ייִדישע קולטור לעבט נישט נאָר אין ביכער, נאָר אין לעבעדיקן לעבן. דאָרט אָבער פילט מען זיך אָפּטמאָל ווי צווישן אַ שפּאָגל־נייעם נאַציאָנאַלן „יאַהודיזם" סיי ביי די ייִדישיסטן, סיי ביי די העברעיסטן און אַזוי אויך ביי דער אָרטאָדאָקסיע. אַלע שיקן זייערע קינדער אין אַמעריקאַנער שולן, און אַלע מאַכן זיי זיך נישט ווויסנדיק און נישט זעענדיק, ווי די אַמעריקאַניש־דערצויגענע קינדער אַמעריקאַניזירן זייערע היימען, און ווי עכטע יאַהודים רעדוצירט מען די ייִדישע אידעאַלן אויף אַלערליי מיני „טעטיקייטן", וואָס שטייען אויסער אייגענער היים און אויסער אייגענער גאַס. אָבער עס בלאָזן שוין דאָרט נייע ווינטן, וואָס גראָבן אונטער דעם „יאַהודיזם" און זיי וועלן לאָזן אויפריכטן אַ נייעם ייִדישן קולטור־אָרגאַנישן אויפוווּקס, — און ערשט דאַן וועט רעכט קאָנען קומען די קעגנזייטיקע השפּעה פון דער ייִדישער אַמעריקע און אייראָפּע. אַמעריקע, מוז איך דיר זאָגן, נחמן, איז אַ גרויסער נסיון פאַר יעדן ייִדישן קולטור־אַרבעטער, וואָס מוז שטעלן אויף פּראָבע זיין גלויבן און ווידערשטאַנד־קראַפט. — און קומענדיק אַהער צו אייך און אָנגעמענדיק זיך דאָ מיט מוט און גלויבן, ווער איך פעסטער און זיכערער, אַז צי מיר קענען, צי מיר קענען נישט — מיר וועלן דעם נסיון ביישטיין! און דאָ מוזן מיר שוין גיין האַנט ביי האַנט. מיר זענען דאָך נישט קיין געפּיעשטשעטע קינדער פון אַ פּריווילעגירטער קולטור. שוין נישט איין מאָל איז אונז אויסגעקומען צו שאַפן די לופט, מיט וועלכער מיר מוזן אָטעמען! — אָבער זאָל זיין גענוג, אונזער שמועס קאָן חלילה נאָך ווערן סענטימענטאַלער. מער פעלט אונז נישט!

נחמן מייזיל

שום אנדערן דיכטער) ווער ס'איז לוצקים קאָלומבוס, אברהם רייזען, חיים ליבערמאַן, אָדער אַלמי, זאָג איך דאָ, אז דער קרעדיט קומט פרילוצקין. אויב ער איז נישט געווען קאָלומבוס, איז ער זיכער געווען לייף עריקסאָן...

אין לוצקים דיכטערישער אנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיינע אויגן, איז מיר קלאָר געוואָרן דער וועג פון דעם חסידישן רבין, פון זיין התגלות ביז דער מדרגה פון א פאָלקס־מיט—יענער חסידישער רבי, וואָס וואַקסט ארויס פון המון־עם, אמאָל אליין א פשוט שניידערל, וואָס, אין היפוך, צום רב דעם למדן, דעם גרויסן בקי, איז ער א פּראָסטער חי־וקים און דאָך ציט ער צו זיך, דאָך לעקט די פינגער פון זיין תורה נישט נאָר דער פשוטער ייד, נאָר אפילו דער קענער. ס'איז נישט די טיפע, האָר־שפּאַלטנדיקע חקירה פון דער רבנישער תורה — ס'איז עפּעס אנדערש: א קניטשל, א קוועטש אויף אַן אות — און ס'אַנטפּלעקט זיך א וועלט. ס'איז מלא־טעם. אמאָל איז דער טעם גאָרנישט אין דעם געזאָגטן, נאָר אינם שטייגער פון זאָגן, אינם אופן ווי דער רבי באַטאָנט עס, אינם פינטל מיטן אויג, אין די פאַרשיידענע האַוואַיעס און זשעסטיקולאַציעס. אָט אזא חסידישער רבי איז לוצקי. זיינע לירישע לידער, ווי זיינע לאַנגע אימפּראָוויזאַציעס, זענען „גאָט־יידישע" תורה. אפילו אין דעם אופן ווי לוצקי זאָגט זיי, די שאַפונגען זיינע, ווי ער טראָגט זיי פאָר, אין די „שטיק", וואָס ער מאַכט דערביי — אין דעם אַלעם איז דאָ „גאָט־יידישעס", רבישער שטייגער. ער דערמאָנט אויך אָן דעם פאָלקסטימלעכן מגיד, און אַלע דריי, דער רבי, דער מגיד און לוצקי, לערנען אונז, אז דער וועג צו תורה ודעת, צו קלוגשאַפט און דערקענטעניש, גייט נישט אַלעמאָל דורכן אינטעלעקט, דורכן מח — דעם בוידעם, וואָס איז פאַרלייגט מיט קלוגע ספרים, — נאָר גאַנץ אָפט דורך דער בלינדער סטיכיע, דורך די געהיימע אונטערערדישע קאַנאַלן — מ'קאָן עס רופן אינטואיציע, אָדער זעקסטער חוש, סיי־ווי, ווי מיר זאָלן זיך אזוינע דערשיינונגען נישט וועלן דערקלערן, וועלן מיר פון קיין שום סאָרט דעפיניציע נישט אויפגעקלערט ווערן...

פון לוצקין שפּאָרט די תורה—זיין געזאַנג—ווי פון א ברייטצעעפנטן קוואַל, וואָס רייסט זיך זיגזאַגיש אין אַלע זייטן, דורך פעלזן און דורך אָפּגרונטן, דורך די קלענסטע שפּעלטלעך דורך זומפּן... און דער שטראָם טראָגט מיט זיך סיי קוואַליקרלוויטער וואַסער, וואָס איז מחיה־נפשות, סיי בלאָטקעלעך; סיי גינגאָלדענע שמעטערלינגלעך און קאָלירדרייכע זשוקלעך; סיי אַלערליי שרצים — ס'איז א שטראָם, וואָס ער אליין האָט אויף אים קיין שליטה נישט און קאָן אים נישט—און ווייסט אים נישט ווי אזוי — אָפּצוהאַלטן. ס'איז א גאָט־זאַך: ס'שטראָמט, ס'פליִיצט, ס'מבולט. אפילו דער ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל ווערט ווינטער איינגעפרוירן און אפילו דער סמבטיון רוט שבת, אָבער לוצקים שטראָם פליִיצט אַלעמאָל, אָן־אויפהער. א שטראָם פון געזאַנג און קלאַנג — — א קוואַל פון תורה — — — ס'רינט דורך זיינע אויגן און אויערן, דורך די צעלן פון זיין הויט, דורך זיינע פיס און זיינע פינגער פון די הענט — די פינגער זיינע, וואָס זענען, ווי ער זאָגט, יידן... ס'איז א יידיש געזאַנג, א יידישער שטייגער, אָבער אויך אוניווערסאַל. און וויפיל עס פליִיצט נישט פון אים, איז אים נאָך אַלץ ענג, נאָך אַלץ בלייבט אין אים אַן איבערפלוס, ווי ער אליין זאָגט וועגן זיך אין זיין ליד „גרויס געזאַנג אין מיר" („אומעטיק און פריילעך", ז. 134):

מיין ווילן ווייגט אין מיר —
פון גרויס געזאַנג אין מיר.

מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.
מיינע גלידער ציען זיך — און מאָנען.

גרויס געזאַנג אין מיר —
זינג ארויס פון מיר.

מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר.
איך וויל ווערן.
איך ווער פאַרצערט פון וועלן ווערן.

ער ווערט פאַרצערט פון „וועלן ווערן", כאָטש וואָס ווערן — דאָס ווייס ער נישט. און, אייגנטלעך, קאָן מען ווערן? ס'איז דער אייביקער דראַנג פון דעם תוהו צו ווערן, צו פאָרעמען און פורעמען זיך, צו געשטאַלטיקן זיך אין עפּעס. ס'איז דאָס געשריי פון דעם ערשטן אָנהייב ביז דעם לעצטן סוף, וואָס לוצקי האָט עס אומבאַוווסטזיניק, אינטואיטיוו, אויפגענומען. ס'איז דאָס אייביקע ווערן, וואָס ווערט נישט. דער איבערגאַנג פון פאָרם צו פאָרם, פון געשטאַלט צו געשטאַלט, דער גלגולים־קייקל — און דערפאַר איז יעדע פאָרם און יעדעס געשטאַלט אין תוך אויך — כאַאָס, תוהו, ווייל נאָך אין דער בחינה פון ווערן, פון נישטגעוואָרן, פון נישטדערגאַנגען צום לעצטן געשטאַלט, וואָס געפינט זיך אפשר אין פּאָטענץ פון דער יצירה, אָבער וואָס וועט, מעגלעך, קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן... נאָר דאָס רייסן זיך איז דאָ און אָפּשטעלן קאָן מען זיך נישט. מ'קאָן נישט בלייבן — ווי לוצקי טאַקע פרעגט און ענטפערט אין זיין ליד „וואַסערן" (דאָרט, ז. 177): „בלייבן? — נישטאָ ביי וואָס צו בלייבן". און דער שטראָם פון זיין געזאַנג קוואַלט און קוועלט, אָט ווי די וואַסערן זיינע:

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
אימפּעטיקע,
קרעפּטיקע.
— — — — — —

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט
און זוכן.
לויפן מיט זון,
מיט לבנה,
מיט פינסטערניש
און שרייען.
— — — — — —

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
און לאַכן.
קאָכן און קייכן מיט שוימיקן שניי,
קוואַלן און קוועלן מיט זילבערנע כמאַרעס,
טאַנצן און באַשפּריצן זיך מיט טוי.
א שפּריץ אויף א שפּריץ און א כאַפּ,
א כאַפּ און א טאַנץ און א זיד,
א זיד און א זינג און א זאָג,
א זאָג און א זינג און א יאָג,
א יאָג און א פאַל און א הויב,
א הויב און א פאַל אין פאָרויס,
א שפּרונג און אריין אין געדריי.
— — — — — —

לויפן און ווערן נישט מיד.
דערציילן — און דערציילן נישט דעם סוף.
רוען? — נישטאָ ביי וואָס צו רוען.
בלייבן? — נישטאָ ביי וואָס צו בלייבן.

אומעטום איז דאָ,
יעדער דאָ איז — דאָרט,
יעדער דאָרט — איז ווייטער.

אָבער די פרייע, אומגעצאַמטע וואַסערן פון לוצקים שטראָמיק געזאַנג, וואָס פליִיצן מיט סטיכישן אימפּעט, טראָגן אויך מיט זיך, ווי געזאָגט, פּסולתן. זיי לויפן נישט נאָר מיט זון און לבנה, נאָר אויך מיט פינסטערניש; אין ערשטן בוך לוצקים, וואָס אין אָנהויב האָט דער דיכטער עס גערופן „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך!" און דערנאָך, אליין איינזעענדיק, אז אזא נאָמען איז געשמאַקלאָז, האָט ער עס געביטן אויף „אומעטיק און פריילעך", — אין אָט דעם ערשטן בוך זיינס האָבן די וואַסערן פאַרטראָגן אַלערליי פּענים, א היטל, א באָרד, וואָס וויל אנטלויפן, א קנעפּל, א זייגערל און נאָך אזעלכע פּסולתן, וואָס זענען נישט קיין פּאָעזיע, נישט עפּעס אנדערש; נאָר צווישן דער גרויסער צאָל ליכטיקע, קרישטאָל־לויטערע פּערזן אין יענעם בוך זענען די פּסולתן בטול־בששים געוואָרן און מיר האָבן פשוט פאַרמאַכט די אויגן אויף זיי — נישטאָ זיי! זיי עקזיסטירן נישט! זיי האָבן אונז אפשר גאָר געהאָלפן אונטערשטרייכן דאָס גוטע און שיינע, דעם רחבות. איז דאָך אפשר דאָס גאַנצע שלעכטס און אומריינע אויף דער וועלט באַשאַפן געוואָרן, כדי מיר זאָלן וויסן וואָס גוטס און ריינס און עכטס איז, ווי דאָס דעמאָנישע, דאָס סאַטאַנישע איז דאָ אין דער יצירה, כדי פאַר אונז אונטערצושטרייכן דאָס געטלעכע... און לוצקים שאַפונג איז א וועלט א גאַנצע, מיט אַלץ, וואָס אין א וועלט געפינט זיך — א פיזישע, דינאַמישע און שטראָמיקע וועלט, ווי פאַר די מעשה־בראשית, ווען גאָטס גייסט האָט נאָך געשוועבט איבערן פּנים פון די וואַסערן; איז נאַטירלעך צו געפינען ביי אים דאָס גוטע און דאָס שלעכטע נישט נאָר זייט ביי זייט, נאָר אפילו אויסגעמישט אין איינס, ווי מיר וועלן דאָס זען.

(סוף קומט)

„וואָס, זאָגט ער, „די וועלט חסר־דעהשן? פינסטער, גליטשיק, יאוש אין די ביינער עסט זיך איין? אָבער, חברה, אַז די זון וועט טון אַ שיין! און „די ישועה וועט קומען, און זי מוז — אָבער פאַרגעסט נישט שטילינקע אין וועמעס זכות!"

די צווייטע טייל פון אונט האָט אויסגעפילט הערץ גראָסבאַרט מיט רעציטאַציעס פון נייעם באַנד משלים. הערץ גראָסבאַרט האָט ווידעראַמאָל דערוויזן, אַז ער איז נישט נאָר אַ פאַרלעזער פון גאַנצ נענאַד, אַזוי אַז דאָס וואָרט אין זיין מויל ווערט אָנגעפילט מיט יעדנעם כח פון פערזענלעכקייט, וואָס צווינגט אייך אויסצושעפּן אַלע זיינע געפילס־ און געדאַנקען־אַסאָציאַציעס. נאָר ער פאַרמאָגט אין זיך אויך דעם כח צו באַשאַפן יענעם ניואַ פון יום־טוב־שטימונג, וואָס מאַכט אים צו אַ וואָרטמיסיאָנער, מיט וואָס ער שטעלט זיך אוועק אין דער ערשטער ריי מיט די גרעסטע רעציטאַציע־מייסטער.

חג.

■■■■■■■■■■■■■■■

א י צ י ק  מ אַ נ ג ע ר / וו אַ ר ש ע

# ל י ד  א ו ן  ב אַ ל אַ ד ע

## אָ ק ט אָ ב ע ר

אָקטאָבער. מיין נשמה איז מיד.
דאָס נאַכט־ליד
פלאַטערט ווי אַ שוואַרצע פלעדערמויז
איבער דיין קליינעם הויז,
ווי דו ווינסט איינאיינעם מיט דער בלויער שפּין, —
דו, יונגע שלאַנקע קראַנקע קיניגין!

איך פּלאָנטער חורך די גאַסן. דער האַרבסט —
אַן אַלטער בלינדער ציגיינער,
שפּילט מיט אַ געלער ציטערנדיקער האַנט:
— די וויאַנענדיקע שיינקייט פון דעם לאַנד
איז מיינע און דיינע לי־טאַי־פּע*),
דו, שלאַנקער שיכורער פּאָעט פון כינע!
כאָטש דיין מדינה
איז מיילן־ווייט און די לבנה און דער טויט
האָבן דיך אין זייער בישוף־קרייז געפאַנגען.

שיר השירים, דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען
זשומעט אין מיין אַלטער מאַנדאָלין
ווי אַ גאָלדענע בין,
ווי דאָס זיידענע קלייד פון דער קיניגין,
וואָס לאָזט פלאַטערן אירע האָר אין ווינט,
דער זילבערנער נעפּל קושט אירע זינד,
וואָס בליען ווי אַ ביטל רויזן אין איר האַנט.

סטאָפּ, ציגיינער! סטאָפּ!
כ'האָב זיך דערמאָנט.
אייגנטלעך שטאַם איך פון אַן אַנדער לאַנד,
נאָר די גאָלדענע שטערן האָבן מיך פאַרפירט
אין מלכות פון די קרעמער מיט די קרומע נעז,
מיין מאַנטל פלאַטערט
טרויעריק און שיין איבער פרעמדע וועגן,
איז וועמען קען איך פרעגן,
וואָס פאַרא וועג ס'פירט צוריק
צו די בלויע וואַסערן, צום פאַרלוירענעם גליק.
מיין נשמה איז מיד. די הויזן צעריסן,
און דער ווינט — דער היימישער באַלעבאָס —
קושט מיך צערטלעך אין „ווי הייסט מען דאָס"
און פּרוּווט מיך טרייסטן
מיט אַ מעשה פון אַ פּרינץ אַ דערלייזטן,
וואָס האָט נאָך וואָגל און וואַנדער געפונען זיין היים.
וואָס אמת איז אמת, — די מעשה איז וואונדערלעך־שיין,
אָט אין אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ און אָט אין אַ כאַטע פון ליים.

אָקטאָבער. מיין נשמה איז מיד,
און דעמערט ווי אַ פויגל, ווי אַ ליד
אויף דיין קאַלטער און פרעמדער האַנט
— — — — — — — — — — — —
מיר זענען פרעמד די ווערבעס פון דעם ראַיזקן לאַנד.

*) באַרימטער כינעזישער דיכטער.

## האַרבסט באַלאַדע

מיין זיידע דער ערצבישאָף יאָהאַן מאַנגער
נידערט אַראָפּ פונם קלויסטער־באַרג.

הויך און מאָגער איז זיין געשטאַלט
און שמעקט מיט נאָוועמבער און וואַלד.

הער איך מיין אַלטן זיידן גיין,
פאַרוואַנדל איך זיך אין אַ בלוי געוויין.

פון אַ פּאַסטוך, וואָס האָט זיין פייפל פאַרלאָרן
צווישן יולי־ווינט און יולי־קאָרן.

ברומט דער זיידע: אייניקל פאַרשטייט,
ביזט נישט צו גאָט און נישט צו לייט!

און ער שטרעקט זיין מאָגערע האַנט צו מיר
און וויל מיך שלעפּן אין אַ מאָנאַסטיר.

פאַרוואַנדל איך זיך אין אַ טייך געשווינד,
וואָס רינט דורך האַרבסטיקע פעלדער און רינט.

ברומט דער זיידע: אייניקל פאַרשטייט,
ביזט נישט צו גאָט און נישט צו לייט!

און ער שטרעקט זיין מאָגערע האַנט צו מיר
און וויל מיך שלעפּן אין אַ מאָנאַסטיר.

פאַוואַנדל איך זיך אין אַ קלויסטער־קלאַנג,
און ציטער אויף אַ ווערבע טיף און לאַנג.

שמייכלט דער זיידע און לאָזט זיך גיין
מיט צופרידענע טריט צוריק אהיים:

מיין אייניקל איז אַ קלויסטער־תפילה
און די זשידלאַקעס וויסן נישט אפילו!

## ס ע פּ ט ע מ ב ע ר

סעפּטעמבער. אויפן האַרבסטיקן באַלקאָן
זיצט די קליינע פּרינצעסין לי.
וואָס וויל זי
פון דער לבנה, וואָס פינקלט רויט
אויף איר זילבערנעם דאַך?

זי פלאַפּלט אינטים מיטן טויט,
וואָס וואָגלט אַרום אויפן שליאַך
און שפּינט צו איר זיינע וועגן.
זי פלאַפּלט אינטים מיטן רעגן,
וואָס ליגט אין אַ וואָלקן געפאַנגען:

„דער דיכטער טו־פו*) איז אוועקגעגאַנגען

*) אַ באַרימטער כינעזישער דיכטער, צייט־חבר פון לי־טאַ־פּע.

קליבן די האַרבסטיקע שטערן אין וואַלד,
באַזינגען די האַרבסטיקע שיינקייט פון ווינט,
און דער האַרבסט, וואָס בליט אין מיין געשטאַלט
און פינקלט מיט גאָלד אויף מיינע הענט,
האָט ער נישט געזען און נישט דערקענט!"

סעפּטעמבער. אויפן האַרבסטיקן באַלקאָן
זיצט די קליינע פּרינצעסין לי,
וואָס וויל זי
פון דער לבנה, וואָס פינקלט רויט
אויף איר זילבערנעם דאַך?

זי וויל אַ סך, אַ סך
הערן, זען און פאַרשטיין,
למשל, דאָס געוויין,
וואָס שלאָפט אין אַ האַרבסטיקער פלייט,
וואָס אַ פּאַסטוך האָט פאַרלוירן
אויפן וועג צום קיניגרייך פון די זיבן טויערן.

למשל, דאָס נאָגנדיקע וואָיען פון וועלף.
צו די שטערן אַרויף
אין אַ ווייסער סעפּטעמבער־נאַכט,
און די נשמה פונם הייליקן מאַנדאַרין,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געוויינט און נישט געלאַכט.

למשל, דעם ציטער פון איר זיידענעם קלייד,
ביים מינדסטן באַריר
פון אַ ווייסער סעפּטעמבער־נאַכט.
און צו־וואָס האָט דער שכור, דער פּאָעט פון יאַם,
זי אינגאַנצן אויסגעטראַכט?
און וואָס איז דער מיין, וואָס ער האָט דערביי געמיינט?
— — — — — — — — — — — — — — —
פּסס... די קליינע פּרינצעסין וויינט...

# דאָס בוך, וואָס כ'האָב אַקאָרשט איבערגעלייענט

יאָזעף־מאַריאַ פראַנק — „פּאָלק אין פּיבער" (דייטש). זיבן־שטעבע־פאַרלאַג. בערלין, 1932.

דער שטאַרקסטער קאַפּיטל פון אָט דעם ראָמאַן איז דער טאָגבוך פון אַ יידיש־דייטשן גימנאַזיסט, וואָס איז אונטער דעם דרוק פונם היטלעריזם צווישן דער דייטשער שול־יוגנט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דער דאָזיקער טאָגבוך איז נישט קיין אויסגעפּאַנטאַזירטער פון דעם מחבר, נאָר איז אַווירקלעכער שרייענדיקער דאָקומענט פון אונזער צייט.

בכלל איז יאָזעף־מאַריאַ פראַנק אַ מייסטער פון דעם אַזוי־גערופענעם רעפּאָרטאַזש־ראָמאַן און ער בויט אַלע זיינע דערציילונגען אויף אמתע פּאַסירונגען און דאָקומענטן.

אויך אין זיין לעצטן בוך „דאָס פּאָלק אין פּיבער" האָט פראַנק אַריינגעפלאָכטן מערערע אמתע פּאַסירונגען פון דער גאָר לעצטער צייט, צווישן זיי — אויך דעם אויבנדערמאָנטן טאָגבוך פונם יונגן יידישן זעלבסטמערדער יעקב ראָזנבוים.

יעקב ראָזנבוים איז דאָס דריטע און לעצטע קינד פונם יידישן קרעמער אליהו ראָזנבוים, וועמענס עלטערן און אורעלטערן האָבן שוין געלעבט אויפן דייטשן באָדן און געעטעמט מיט דער דייטשער קולטור.

דער עלטערער זון ראָזנבוימס איז בעת דער וועלט־מלחמה געפאַלן אין שלאַכט ביי ווערדען, ווי אַ מוטיקער דייטשער סאָלדאַט. דער צווייטער זון ראָזנבוימס, וואָס האָט געהאַט שטודירט אין אַ דייטשן אוניווערסיטעט, איז איינמאָל שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן פון דייטשע „קאָלעגן"־אַקאַדעמיקער און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוטראָגן באַצייטנס קיין אַמעריקע. דער דריטער זון ראָזנבוימס, דאָס מוזיניקל יאַקאָב, איז קוים אַלט געוואָרן 16 יאָר, ווען ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די רדיפות קעגן אים מצד זיינע נישט־יידישע שול־קאַמעראַדן.

דער טאָגבוך הויבט זיך אָן פון דעם טאָג, ווען דער יונגער יאַקאָב קערט זיך אום פון דער זומער־וווינונג ביי דער באָבען צוריק אהיים און ער דערקענט נישט מער די אייגענע חברים זיינע, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט און געשפּילט זיך. דער קליינער יאַקאָב פאַרשרייבט אין זיין טאָגבוך:

„שוין אויפן הויף פון דער גימנאַזיע האָב איך געטראָפן מיין נאָענטסטן פריינט ערין — דעם זון פונם שטאָטישן פּראָקוראָר — און איך האָב אים וואַרעם באַגריסט. ס'האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט דערציילן אים די איינדריקן פון מיין זומער־וווינונג ביי דער באָבען... ער האָט מיך אָבער באַגעגנט, דער חבר מיינער, זייער קאַלט און נישט ענטפערנדיק אויף מיין גרוס — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

„אַריינקומענדיק אין קלאַס האָב איך באַלד באַמערקט, ווי אַלע מיינע שול־חברים לאָזן אַרונטער די אויגן און מאַכן זיך נישט זעענדיק. פּלוצים אָבער קומט צו מיר צו איינער פון די חברים, גיט מיר אַ שטויס אין ברוסט און אַ שריי אויס אויפן גאַנצן קלאַס:

— יידן האָבן דאָ נישט וואָס צו טון, מענסט עס וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל!

„פון דעם טאָג אָן הויבן זיך אָן מיינע צרות!

„יעדן אינדערפרי, ווען איך פלעג קומען אין קלאַס — פלעג איך טרעפן אויף מיין פּלאַץ אויסגעמאָלטע אָדער אויסגעקריצטע האַקנקרייצן און צעטעלעך מיט העצערישע אויפשריפטן קעגן די יידן.

אויף איינעם אַ צעטעלע איז געווען געשריבן:

„וואָס מערער יידיש בלוט וועט רינען —
אַלץ גיכער וועלן מיר געווינען".

עס האָבן נישט געהאָלפן יאַקאָבס פּראָטעסטן און אָנקלאַגעס צו די לערער פון זיין קלאַס, ווייל אויך די לערערס זענען געווען פאַרביסענע היטלעריסטן און אַנטיסעמיטן.

זענען די רדיפות דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער אומשולדיקער באַיקאָטירטער יאַקאָב פלעגט זיין פרישטיק מוזן אויפעסן אין קלאָזעט, ווייל דאָרטן איז געווען דער איינציקער פּלאַץ אין דער שול, ווו ער פלעגט קאָנען פאַרבלייבן אומגעשטערט איינער אַליין.

— „איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן — טענהט דער קליינער יאַקאָב אין זיין טאָגבוך — איך בעט אויף זיך יעדן טאָג דעם טויט, איידער אַזאַ מין לעבן".

אָבער אויך אַפילו יאַקאָבס עלטערן, די ראָזנבוימס, ווייסן נישט פון די אַלע אינקוויזיציעס, וואָס זייער זון קומט אויס דורכצומאַכן אין דער שול.

יאַקאָב מיידט אויס צו דערציילן זיינע עלטערן פון די צרות אין קלאַס, ווייל דער טאַטע — שרייבט ער אין טאָגבוך — האָט גענוג אייגענע צרות אין געשעפט, וואָס ווערט באַיקאָטירט און די מאַמע הערט נישט אויף צו וויינען אויף די עלטערע זין אירע, וואָס איינער איז געפאַלן אין שלאַכט און דער צווייטער האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן קיין אַמעריקע.

האָט ער זיך אַזוי לאַנג געפּייניקט, דער קליינער יאַקאָב, ביז ער האָט באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם טאָגבוך, וועלכן דער דייטש־קאַטוילישער שריפטשטעלער פראַנק האָט איצטער אַריינגעפלאָכטן אין זיין זייער באַלערנדיקן ראָמאַן „דאָס פּאָלק אין פּיבער".

ווען דעם דאָזיקן ראָמאַן וואָלט געווען אָנגעשריבן אַ יידיש־דייטשער שריפטשטעלער — וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דער מחבר איז אפשר מגזם די איבערלייִדן פון אַ יידישן גימנאַזיסט אויף דער דייטשער פּראָווינץ, אָבער אַזוי ווי דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן פון אַ ריכטיקן קאַטאָליק און דעם טאָגבוך פונם יונגן יידישן זעלבסטמערדער איז איבערגעגעבן געוואָרן וואָרט אין וואָרט — איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דאָס בוך איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן אויך אַפילו דורך דער נישט־יידישער קריטיק און טיילווייז אַפילו איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער יידן־פריינטלעכער נישט־יידישער פּרעסע.

דניאל טשאָרני

דר. אַלפרעד בילמאַן *) / מאָסקווע

# די ריגער פרעסע

(געשיכטלעכער איבערבליק)

ספעציעל פאַר די ,,ליטעראַרישע בלעטער׳׳

מיטן אויפבלי פון דער ריגער פרעסע איז פאַרבונדן די אנטוויקלונג פון דער לעטלענדישער פרעסע בכלל. די געשטאַלטונג פון די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס איז געווען מאָסגעבנד פאַרן לעבן פון דער שטאָט, האָט משפיע געווען אויך אויף דער ריגער פרעסע.

ווען אין 17 י. ה., אין דער שוועדן־צייט, איז ריגע געוואָרן אַ באַדייטנדיקע האַנדלס־שטאָט ביים באַלטישן ים, איז דעמאָלט אויך אויפגעשוומען די באַדערפעניש אין אַ צייטונג. דעמאָלט איז אַרויסגעגאַנגען אין 1681 יאָר די צייטונג ,,ריגישע נאָוועלען׳׳ (אַרויסגעגעבן דורך דעם ריגער גענעראַל־גובערנאַטאָר), וואָס איז דערשינען אָן איבעררייס ביז 1710, ד. ה. ביז צום סוף פון דער שוועדישער הערשאַפט. הערנאָך האָט אין 18 י״ה די נאַכריכט־ביוראָ פון ריגער שטאָטראַט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג ,,ריגישע אַנציינגן׳׳, וועלכע האָט אין 1852 זיך פאַרוואַנדלט אין די ,,ליפלענדישע גאָוועדנעמענטס־צייטונג׳׳. אין דער צווייטער העלפט פון 18 י״ה איז דערשינען די ,,ריגאַשע פּאָליטישע צייטונג׳׳ (שפּעטער, ביז צום וועלטקריג אונטערן נאָמען ,,ריגאַשע צייטונג׳), וועלכע האָט אַנטשפּראָכן דעם צייטגייסט פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע. אָט די אַלע צייטונגען זענען אין דער דייטשער שפּראַך.

אַ לעטישע צייטונג האָט אין 18 י״ה אין ריגע נאָך נישט געקאָנט דערשיינען. קיין לעזער וואָלטן נישט געפעלט, אָבער צוערשט האָבן זיך געפאָדערט סאָציאַלע רעפאָרמען אין זין פון דעם נייעם, אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געבוירענעם צייט־גייסט. אויך די דייטשע בירגערשאַפט אין ריגע האָט דורכגעלעבט אין אָנהויב פון 19 י״ה אַ געוויסן גייסטיקן ראַדיקאַליזם. צווישן 1803 און 1818 זענען דערשינען אין ריגע דער ,,רוסישער מערקור׳׳, ,,פּאַמאַ׳׳, ,,נאָרדישער אַרכיוו׳׳, ,,איריס׳׳ (אַלס פרויען־צייטונג), ,,רוטעניאַ׳׳, ,,דער צושויער׳׳ און ,,ליפלענדישער מערקור׳׳. ריגע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליינע שטאָט מיט 25.000 איינוווינער. און אָט די אַלע צייטונגען האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל עס האָבן געפעלט לעזער. דערצו האָט זיך נאָך דעמאָלט אָנגעהויבן די צייט פון דער רעאַקציאָנערער הערשאַפט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און מען האָט פאַרבאָטן דעם פּראָגרעסיוון ,,אָסטזייפּראָווינצענבלאַט׳׳, וועלכן עס האָט געגרינדעט דער באַקאַנטער דענקער גאַרליב מערקעל. דאָך זענען פאָרגעקומען געוויסע פאַרענדערונגען אין דער לאַנד־אָרדנונג אין באַלטיקום, און אין ריגע האָט באַקומען די מעגלעכקייט דעם 1 יאַנואַר 1832 אַרויסצוגיין די ערשטע לעטישע צייטונג אין ריגע ,,דער פריינט פון די לעטן׳׳ (די ערשטע לעטישע צייטונג בכלל האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מיטוי דעם 5 יאַנואַר 1822). די רוסישע רעגירונג האָט אָבער אין 1846 פאַרמאַכט אָט די צייטונג, ווייל זי האָט גענומען אַ שטעלונג קעגן דער רוסיפיצירונג פון די לעטן.

נישט קוקנדיק אויף אַלע מניעות האָט זיך כסדר אויסגעבעסערט דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון לעטישן פאָלק, און אַלס פועל־יוצא דערפון איז געקומען די גייסטיקע דערוואַכונג פון פאָלק. דאַן האָט דעם 2 יולי 1856 אונטער דער רעדאַקציע פון אַ לעט, א. לייטאַנס, גענומען אַרויסגיין די צייטונג ,,דער הויז־גאַסט׳׳ (ביז 1910), מיט וועלכן עס האָט זיך אין די יאָרן 1863-1867 פאַראייניקט דער רעאַקציאָנערער ,,וועג־חבר׳׳.

די ווירטשאַפטלעכע קאָניונקטור אין ריגע אין מיטן פון 19 י״ה האָט צוגעצויגן אַלץ מער לעטן פון דאָרף אין שטאָט אַריין. אויך ביי די דייטשע בירגער פון ריגע האָט זיך אין יענער צייט געלאָזט מערקן אַ געוויסער גייסטיקער רענעסאַנס. עס האָבן אָנגעהויבן פונדאַסניי אַרויסצוגיין די ,,באַלטישע מאָנאַטשריפט׳׳ (1859—1914), די ,,צייטונג פאַר שטאָט און לאַנד׳׳ (1866), וועלכע האָט אין 1894 געביטן איר נאָמען אויף ,,ריגאַשע רונדשוי׳׳. אין משך פון עטלעכע יאָר זענען אויך אַרויסגעגאַנגען די ,,ריגער בלעטער׳׳ (1868—1866). אָט די בלעטער האָבן זיך אַנטשיידן איינגעשטעלט פאַר די פּריווילעגיעס פון דער דייטשער ריטערשאַפט, להיפוך צו די גרויסע רעפאָרמען, וואָס האָבן זיך דאַן געגרייט און צו די שטרעבונגען פון דער רוסישער מאַכט צוצונעמען ביי דער דייטשער ריטערשאַפט אירע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־רעכטן.

דערווייל האָט זיך ביי די לעטן אויסגעשמידט דער פעסטער ווילן צו פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס אין ריגע און צו דעראָבערן נייע פּאָזיציעס. בראש פון אָט דער שטרעבונג איז געשטאַנען ,,באַלטיאַס וועסטנעסיס׳׳ (געגרינדעט אין יאָר 1869).

אין די זיבעציקער יאָרן זענען נאָך צוגעקומען די ,,אַרבעט׳׳ און ,,וועלט און נאַטור׳׳, וועלכע האָבן זיך אָבער לאַנג נישט געקאָנט האַלטן. אין 1876 איז דערשינען די פּאָליטיש־ליטעראַרישע ,,שטימע׳׳ און דעם 12 אויגוסט 1877 אַלס ערשטע לעטישע טאָג־צייטונג די ,,ריגער בלאַט׳׳, וועלכע האָט זיך אין יאָר 1880 פאַראייניקט מיט דעם ,,באַלטיאַס וועסטנעסיס׳׳. די רוסישע נאַציאָנאַליסטן זענען אין יענער צייט געוואָרן שטאַרק אַגרעסיוו קעגן די דייטשן. אין ריגע איז צום ערשטן מאָל דערשינען אַ רוסישע צייטונג ,,ריזשסקי וועסטניק׳׳.

די דייטשן האָבן אין 1882 באַקומען אַ נייע טאָגצייטונג ,,ריגאַער טאַגעבלאַט׳׳ (אייגנטלעך אַ המשך פון די ,,נייע צייטונג פאַר שטאָט און לאַנד׳׳, וועלכע איז געגרינדעט אין 1876); די רוסן האָבן באַקומען אין זייער דינסט אַ פּסידאָ־דייטשן בלאַט ,,דינאַ צייטונג׳׳ (געגרינדעט 1888), וועלכע האָט אין 1891 אָנגענומען אַ ווינטשנסווערטע פאַר די דייטשן ריכטונג און איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען ביז 1909.

אין יענער צייט פון די קאַמפן צווישן דייטשן און רוסן, האָט זיך פאַרפעסטיקט די לעטישע פרעסע. אין די אַכציקער יאָרן, איז דערשינען אַ נייע גרויסע צייטונג, י. טשאַקסטעס ,,פאָטערלאַנד׳׳ (1884). די צאָל פון די לעטישע איינוווינער אין ריגע איז אויף אַזוי פיל צוגעוואַקסן, אַז די רעגירונג האָט אַפילו געפונען פאַר נויטיק זינט 1885 אַרויסצוגעבן די ,,פּאָליציי צייטונג׳׳ אין לעטיש. דעמאָלט זענען שוין געווען 40.000 לעטישע לייענער.

אין 1886 איז אַרויסגעגאַנגען די פאָרטשריטלעכע ,,טאָג־בלאַט׳׳, וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די אינטערעסן פון די ,,קליינע מענטשן׳׳.

אין די 90־ער יאָרן זענען נישט אַרויסגעגאַנגען נישט קיין דייטשע און נישט קיין לעטישע נייע צייטונגען. די רוסן האָבן דאַקעגן פאַרבריטערט זייער פראָנט מיט צוויי בלעטער: ,,פּריבאַלטיסקי ליסטאָק׳׳ (1896) און ,,ריזשסקיע וועדאָמאָסטי׳׳ (1898).

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט האָט ריגע זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן. אויך די לעטישע באַפעלקערונג האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט, און ביי די לעטן האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַלע איבערשיכטונג.

אויסער דעם נאַציאָנאַל־קאָנסערוואַטיוון ,,באַלטיאַס וועסטנעסיס׳׳ איז דערשינען די נאָך מער קאָנסערוואַטיווע ,,ריגער צייטונג׳׳ פון פ. ווינבערג (1902—1914); אַחוץ די נאַציאָנאַל־ליבעראַלע ,,שטימע׳׳ האָט אַ קורצע צייט עקסיסטירט דאָס ,,וואָרט׳׳ (1901—1902). דערמאָנטער ,,טאָג־בלאַט׳׳ פון פ. סטוטשקאַ און י. ראַינים איז געווען אַ ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע און דער ,,הויז־גאַסט׳׳ פון ד״ר פ. זאַליטע האָט געהאַט אַ דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע ריכטונג.

---

*) מיניסטער ד״ר אַלפרעד בילמאַן איז דער געוו. פּרעסע־שעף פון לעטלענדישן אויסערן־מיניסטעריום און איצטיקער לעטישער געזאַנדטער אין מאָסקווע. ער איז איינער פון די וויכטיקסטע לעטישע געלערטע און שריפטשטעלער. נישט לאַנג האָט ד״ר א. בילמאַן געפייערט דעם 25־יאָריקן יובל פון זיין פּובליציסטישער טעטיקייט. ד״ר א. בילמאַן אינטערעסירט זיך אויך מיט יידישע קולטור־פראַגן און ווייזט אַרויס גרויס סימפּאַטיע צו יידן. אגב, איז ער דער איינציקער לעט, וואָס באַהערשט אויסגעצייכנט די יידישע שפּראַך און לייענט רעגולער יידישע צייטונגען. דער אַרטיקל איז איבערגעזעצט פאַר אונז דורך דעם פּרעסע־רעפערענט פון לעטלענדישן אויסערן־מיניסטעריום יצחק מאַריין.

# וואַרשעווער פּרעסע וועגן דעם אויפטריט פון
# גענ'יאַ שליט



,,...מיר האָבן געהאַט גוטע גריסן וועגן די אויפטריטן פון גענ'יאַ שליט צוזאַמען מיט באַראַטאָוו און מאָרעווסקין... זי האָט אימפּאָנירנדע אויסערלעכע מיטלען. הויך, שלאַנק, שוואַרץ - חנעוודיק. זי האָט אַ גוטן טאָן אין דער באַנעמונג און קליידט זיך מיט געשמאַק. שוין דאָס אַליין איז אַ געווינס פאַר דער יידישער בינע...''

(א. פויגל אין ,,היינט'')

,,...דער עולם נעמט זי אויף וואַרעם. ער פאָלגט נאָך מיט דער גרעסטער שפּאַנונג די מענטשלעכע טראַגעדיע, וואָס גענ'יאַ שליט לעבט איבער אויף דער בינע. פאַרן ברייטן יידישן עולם איז גענ'יאַ שליט אַ נייער נאָמען. מיר האָבן אָבער געהערט, אַז ערגעץ־ווו געפינט זיך אַ יידישע אַקטריסע, אַ שיינע, אַ רעפּרעזענטאַבלע איינע גענ'יאַ שליט, וואָס האָט געשפּילט טעאַטער אין רוסלאַנד, אין ריגע מיט יוליוס אַדלער, אויף דער פּוילישער פּראָווינץ מיט מאָרעווסקי, אין אויסלאַנד מיט פּאַוול באַראַטאָוו. גענ'יאַ שליט איז יונג, שיין און האָט אַלע אויסערלעכע מעלות, וואָס פעלן אונזערע היימישע אַקטריסעס. חוץ מזה האָט גענ'יאַ שליט שולע. ס'איז נישט גלאַט אויסגעלערנט זיך די ראָלע. נאָר עס איז אַריינגעטראַכט זיך אין דעם מענטשן, אין וועלכן זי וויל זיך אויסלעבן אויף דער בינע. זי האָט איבערצייגט, אַז פון פּאַפּירענע רייד, קאָן אַ באַגאַבטע שוי־שפּילערין אַרויסקריגן מענטשלעכע געפילן.''

(יהושע פערלע אין ,,מאָמענט'')

,,...זי שפּילט שטיל, דיסקרעט, ערנסט, און דאָס איז איר מעלה. זי שפּילט אָפּ איר ראָלע אויפריכטיק, מיט רוטין, מיט איבערצייגונג. און דאָס איז עלול צו געפעלן דעם עולם. אַ פיינע פיגור, אַ קלאָרע, אָנגענעמע דיקציע, אַ גוטער יידיש, אָן רייסעניש און האַנטברעכעניש, אָן היסטעריע — אַ גוטע שוישפּילערין.''

(אלחנן צייטלין אין ,,עקספּרעס'')

,,...מען האָט געהאַט איצט די מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, אַז די ליב־ווערטער וועגן גענ'יאַ שליט זענען נישט איבערגעטריבן. זי איז אַ גוטע אַרטיסטין מיט גלענצנדע אַרטיסטישע מעגלעכקייטן — אַ פּראַכטפולע געשטאַלט, אַ שיינע שטימע מיט געשמאַקע טענער, — פעסטע, ברוסטיקע און אויך צאַרטע, דינע, — אָן אויסגעצייכנטער יידיש און אַ לעבעדיק, באַוועגלעך געזיכט... גענ'יאַ שליט איז בלי ספק אַ באַגאַבטע אַרטיסטין, זי קאָן און דאַרף פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין אַ גוטן קינסטלערישן טעאַטער. אָבער ווו נעמט מען אים?''

(נחמן מייזיל אין ,,ליט. בלעטער'')


## מאריס לאַמפּע או גענ'יאַ שליט
### גאַסטשפּילן
### אין יידישן טעאַטער אין ווין



ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

## אַלע ווערק פון י. אָפּאַטאָשו

| | |
|---|---|
| 1. אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב | 5.20 גילדן |
| 2. אונטערוועלט | „ 5.60 |
| 3. היבּרו (ראָמאַן) | „ 6.— |
| 4. אַליין (ראָמאַן) | „ 5.— |
| 5. לינטשעריי (אַמעריקאַנער נאָוועלן) | „ 6.— |
| 6. אין פּוילישע וועלדער (ראָמאַן) | „ 7.70 |
| 7. 1863 (ראָמאַן פון פּוילישן אויפשטאַנד) | „ 5.50 |
| 8. אַרום די חורבות | „ 5.50 |
| 9. אויף זייטיקע וועגן | „ 6.— |
| 10. ביאַנקאַ | „ 6.50 |
| 11. די טענצערין (ראָמאַן) | „ 9.60 |
| 12. קלאַסנקאַמף | „ 7.50 |

פּרייז פון אַלע ביכער צוזאַמען — 76.10 גילדן.
אין 12 פּראַכט־בענדער — 103.10 גילדן.

— בוכהענדלער, ביבליאָטעקן גרויסער ראַבאַט —

הויפּט־פאַרקויף:
„Kult-Buch“, Warszawa, Nalewki 2a.
P. K. O. 6533.



ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

## געקליבענע שריפטן
### פון יונה ראָזענפעלד

— נייע אויסגאַבע אין אַכט בענדער —

| | |
|---|---|
| 1. אייגנס | 7.— |
| 2. גרענעצן | 7.— |
| 3. קאָנקורענטן | 7.— |
| 4. דאָס אומפאַרמיידלעכע | 7.— |
| 5. דאָס לעבן רופט | 7.— |
| 6. באַשערטע זאַכן | 7.— |
| 7. וואָס אין לעבן קאָן פּאַסירן | 7.— |
| 8. אין איבערגאַנג | 7.— |

„Kult-Buch“, Warszawa, Nalewki 2a
P. K. O. 6533.



פאַרלאַג ,,קולטור־ליגע''

## ווערק פון אַ. מ. פוקס

| | |
|---|---|
| אונטער דער בריק | 4.80 |
| אויפן בערגל | 1.80 |

Kult-Buch, Warszawa, Nalewki 2a



פאַרלאַג ב. קלעצקין

## ווערק פון משה קולבאַק

| | |
|---|---|
| מאָנטיק, משיח בן אפרים | 6.50 |
| פּאָעמען און לידער | 6.— |
| יעקב פראַנק | 2.50 |
| מאָנטיק | 2.50 |
| משיח בן אפרים | 3.50 |

ביבליאָטעקן, בוכהענדלער — ראַבאַט.
Kult-Buch, Warszawa, Nalewki 2a
פאַר געלט אין פּוילן: פּ. ק. אָ. 6533.

# יידישער קונסט = טעאַטער אין ניו - יאָרק

(2־טע עוועניו און 12־טע סטריט)

מאָריס שוואַרץ—דירעקטאָר



די אַכטע וואָך

— יעדן פרייטיק שבת און זונטיק

## י. י. זינגערס יאשע קאַלב

דראַמאַטיזירונג און רעזשי — מאָריס שוואַרץ

— אין די מיטנוואָך־טעג

## שלום אשס חיים לעדערער

דראַמאַטיזירונג און רעזשי — מאָריס שוואַרץ

די ווייטערדיקע אויפפירונג

## א. לעיעלעס - דער נייער משיח (אָשר לעמלען)



## די באַוווסטע דייטש - יידישע אַרטיסטין

# מאגדא קארמען

הויבט אָן אירע גאַסטשפילן

## שבת דעם 19 - טן נאָוועמבער

## אין קראָקעווער יידישן טעאַטער

דירעקציע משה ליפּמאַן

געזאַמלטע ווערק פון

# שלום אש

| | | | |
|---|---|---|---|
| א שטעטל | 3.— | דראַמ. שר. I ביבלישע דראַמען | 4.50 |
| ר' שלמה נגיד | 2.50 | II ב. סאָציאַלע דראַמען | 6.30 |
| בילדער און הומאָרעסקן | 7.50 | III ב. נאַציאָנאַלע דראַמ. | 6.30 |
| הימל און ערד | 6.60 | IV ב. די יורשים א. א. | 4.50 |
| אמעריקע | 7.50 | טויט־אורטייל | 3.50 |
| צוויי וועלטן | 6.60 | חיים לעדערער | 3.50 |
| דאָס בוך פון צער | 6.60 | פון איין קוואַל | 5.50 |
| ארץ־ישראל | 6.60 | פאַר יוגנט | 5.50 |
| מערי | 5.60 | מעשהלעך פון חומש | 3.— |
| דער וועג צו זיך | 5.60 | רייזע איבער שפּאַניע | 3.— |
| אַנקל מאָזעס | 4.90 | דער מזבח | 3.25 |
| מאָטקע גנב | 7.70 | ד"ר זילבער, יוסף | 3.90 |
| די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע | 3.25 | קוילן | 2.50 |
| קידוש השם | 4.— | פעטערבורג | 10.— |
| נייע דערציילונגען | 4.— | װאַרשע | 10.— |
| די מוטער | 9.— | מאָסקווע | 11.— |

פרייז פון אַלע ביכער צוזאַמען 177.20 זל.

אין 26 פּראַכט־בענד 235.70 זל.

אין 26 לוקסוס־בענד 261.70 זל.

„Kult-Buch", Warszawa, Nalewki 2a,
P. K. O. 6533.

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע

ערשט דערשינען:

גוסטאַוו לאַנדויער

# די רעוואָלוציע

יידיש י. נ. שטיינבערג — — פרייז 3.50 זל.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט פון מאַקס. נעטלוי, געשיכטע — כח פון פּראַקטישן לעבן, טאָפּיעס, אוטאָפּיעס, רעוואָלוציעס, די קולטור פון מיטלאַלטער און דער גייסט, די גייסטלאָזיקייט פון דער נייער צייט, די רעפּובליק און די מאָנאַרכאָמאַטן, דער אַנטי־מלוכהשער סאָציאַליזם.

טעזיסן וועגן סאָציאַליזם און זידלונג.

— בוכהענדלער, ביבליאָטעקן ראַבאַט. —

הויפּט־פאַרקויף:

„Kult-Buch", Warszawa, Nalewki 2a. P. K. O. 6.533.

קאָאָפּ. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע

## ברוך שפּינאָזא — די עטיק

יידיש: וו. נאַטאַנסאָן.

פרייז 8 זל.

בוכהענדלער און ביבליאָטעקן — גרויסער ראַבאַט.

הויפּט־פאַרקויף:

Kult-Buch, Warszawa, Nalewki 2a, PKO. 6533.

Dr.M.Weichert

Cena 50 gr. **Literarisze Bleter Nr 47** (446) Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Adres redakcji i administracji: „Literarisze Bleter“, Warszawa, Leszno 10/8.

# איז הײנטיקן נומער:

צוריקבליקן און אויסבליקן (אַ שמועס
מיט פּראָפ. פישל שניאורסאָן) — נחמן מײזיל
א. לוצקי און זײַן נײַ בוך — א. אלמי
אויפן פּוילישן טעאַטער־פראָנט — מאַרק אַרנשטײן
אַ גרויסע שטײנבאַרג־מאַניפעסטאַציע אין טשערנאָוויץ — חג.
ליד און באַלאַדע
אָקטאָבער; האַרבסט־באַלאַדע; סעפּטעמבער — איציק מאַנגער
דאָס בוך, וואָס כ'האָב אָקאָרשט איבערגעלײענט
יאָזעף פראַנקס „פּאָלק אין פיבער“ — ד. טשאַרני
ווילנער ליטעראַטן־פאַרײן — א. י. גראָדזענסקי
די רינגער פּרעסע (געשיכטלעכער איבערבליק) — ד״ר אַלפרעד בילמאַן
בײַ „אונז“ און בײַ „זײ“ — וו. לאַצקי־בערטאָלדי
דזשאָן גאַלסוואָרטי באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז
די ײדישע שול אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג
בריוו אין רעדאַקציע
פון וואָך צו וואָך (ליטעראַטור און קולטור, טעאַטער און קונסט)
בילדער, אַנאָנסן.

## צו אונזערע לעזער!

מיטן הײנטיקן נומער שיקן מיר די אַבאָנענטן, וואָס האָבן
אויסגעשריבן די „ליט. בלעטער“ מיט דער ביכער־פּרעמיע

יונה ראָזענפעלד

# באַשערטע זאַכן

העפט 1

## געזאַמלטע ווערק

פון ברוך גלאַזמאַן



| | |
|---|---|
| אינם ראָד | 7.— |
| אויף אַן אינזל | 10.50 |
| אויף יענער זײַט אָקעאַן | 7.— |
| אויף די פעלדער פון דזשאָ־דזשיא | 9.50 |
| פאַרטונקלט גאָלד | 7.50 |
| סטעפּ און ישוב | 5.50 |

Kult-Buch, Warszawa, Nalewki 2a

אַבאָנירט און לײענט די וואָכנשריפט פאַר ײדישע קולטור־פּראָבלעמען

# ײדיש

וואָס ס'גיט אַרויס די קולטור־געזעלשאַפט
פּרײַז פאַר אַ קוואַרטאַל בלויז 7 גילדן.
אין פּוילן אַבאָנירט בײַ די „ליט. בלעטער“
אַדרעס: „ליט. בלעטער“ וואַרשע, לעשנע 10

HOTEL „BRITANIA“

Warszawa, Nowolipie Nr 18

Telefony: Centrala 11-64-15
Zarząd 12-09-12

## האָטעל „בריטאַניאַ“, איז צענטער פון שטאָט, נײַ אויפגעבויט.

באַזיצט 90 מאָדערן־אײַנגעריכטעטע צימערן, מיט די פענסטער אין אַ גאָרטן; הײס און קאַלט וואַסער אין יעדן צימער;
צענטראַלע באַהײצונג. וואַנעס, טעלעפאָנען אויף יעדן שטאָק. ווינדע.
מוסטערהאַפטע רײנקײט — פּונקטלעכע באַדינונג — געשמאַקע און געזונטע קיך.

## פּרײַזן זײער נידעריקע

אין אונזער האָטעל פאַרפאָרן ס'רוב ײדישע קינסטלער און ליטעראַטן פון אויסלאַנד.
עס האָבן בײַ אונז געוווינט אַ לענגערע צײַט: צילי אַדלער, ש. י. אימבער, י. אַפּאַטאָשו, י. באַטאָשאַנסקי, בערטאַ גערסטען, העריץ גראָסבאַרט, א. האַרקאַווי, א. מאָרעווסקי, דזשוליוס נאַטאַנסאָן, ש. ניגער, נעלי קעסמאַן און אַנדערע.

### נײַגעמער יאַרגאַנג

אַבאָנאַמענט־פּרײַז אויף יאָר 1932:
אין פּוילן (מיט דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 10 גילדן.
(אָן דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 5 גילדן.
אין אויסלאַנד (מיט דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 2 דאָלאַר.
(אָן דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 1 דאָלאַר.

### אַנאָנסן־פּרײַז:

פאַר 1 מילימעטער־שורה 20 גראָשן.
אַנאָנסן־זײַטן — האַלבן 6 שפּאַלטן.
אַדרעס: „Liter. Bleter“, Warszawa, Leszno 10/8
פאַר געלט: P. K. O. 6.39. טעלעפאָן: 11.10-71
נישט אָנגענומענע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריקגעשיקט
און עס ווערט נישט וועגן זײ געפירט קײן קאָרעספּאָנדענץ.

Red. J. Mejsels. — Wyd. B. Kleckina. Drukarnia B-ci Wójcikiewicz, Warszawa.